# באקומען טשיילד סופּאָרט זיכערהייט: וואס איר זאלט וויסן

## אייער זיכערהייט איז א פּריאָריטעט

עס איז וויכטיג פאר קינדער צו באקומען פינאנציעלע און מעדיצינישע שטיצע ('סופּאָרט') פון ביידע פון זייערע עלטערן. דער ניו יארק סטעיט טשיילד סופּאָרט (New York State Child Support Program) (קינדער געלט) פּראָגראם איז פּאַרפּליכטעט צו מאכן דעם טשיילד סופּאָרט פּראָצעדור ווי זיכער מעגליך פאר עלטערן און זייערע קינדער. כדי צו באקומען טשיילד סופּאָרט סערוויסעס, מוזט איר איבערגעבן אינפארמאציע איבער אייך אליין, די קינדער און איבער די אנדערע עלטערן וואס האט נישט די קינדער. אזוי ווי איר לייענט דורך די פאלגנדע שריט, וועט איר מעגליך ווילן טראכטן איבער סיי וועלכע זיכערהייט זארגן וואס קענען ארויפקומען דורכאויס דעם פּראָצעדור און זיי איבעררעדן מיט אייער טשיילד סופּאָרט וואָרקער.

### אפּשטאם פעסטשטעלונג

אויב עס איז נאכנישט אוועקגעשטעלט געווארן אז איר זענט די עלטערן, וועלן מיר אייך העלפן אריינגעבן א פּעטיציע צו די פאמיליע געריכט. ביידע עלטערן וועלן געפאדערט ווערן צו ערשיינען ביי א געריכט געהער – וואס קען אפּגעהאלטן ווערן פנים אל פנים אדער פונדערווייטנס – כדי צו עדות זאגן איבער די פאקטן און אומשטענדן פון די קעיס.

### סופּאָרט אוועקשטעלונג

מיר וועלן אייך העלפן אריינגעבן א טשיילד סופּאָרט פּעטיציע צו די פאמיליע געריכט. איר וועט מעגליך פארלאנגט ווערן צו ערשיינען אויך ביי די געריכט געהער. די איינקונפט און אויסגאבן פון ביידע עלטערן וועלן פארגעשטעלט ווערן און גענוצט ווערן צו באשטימען די סומע פון די טשיילד סופּאָרט באפעל (ארדער).

### איינמאנען סופּאָרט

דער ארבעטסגעבער פון די עלטערן וואס האט נישט די קינדער ביי זיך וועט באקומען א פּאראַרדנונג (Income Withholding Order) צו אראפּרעכענען די טשיילד סופּאָרט באצאלונגען וואס זענען פּאראַרדנט געווארן דורך די געריכט פון די עלטערן'ס געהאלט און צו שיקן די באצאלונגען צו די טשיילד סופּאָרט פּראָסעסינג צענטער. אויב עס איז נישטא א באקאנטער ארבעטסגעבער וועט א חודש'ליכע בילינג סטעיטמענט ארויסגעשיקט ווערן דורך די פּאסט צו די עלטערן וואס האט נישט די קינדער ביי זיך וואס איז פארלאנגט צו שיקן באצאלונגען דירעקט צו די טשיילד סופּאָרט פּראָסעסינג צענטער.

### טוישונגען

אויב עפּעס טוישט זיך קענט איר אדער די אנדערע עלטערן וואס האט נישט די קינדער ביי זיך אריינגעבן א פּעטיציע צו די פאמיליע געריכט פארלאנגענדיג צו ענדערן אן עקזיסטירנדע סופּאָרט באפעל צוליב דעם וואס די קינדער'ס באדערפענישן אדער די עלטערן'ס איינקונפט האט זיך געטוישט.

### סופּאָרט אינפאָרסירונג

אויב די עלטערן וואס האט נישט די קינדער ביי זיך פארשפּעטיגט צו באצאלן, וועלן אינפאָרסירונג שריט אונטערגענומען ווערן אויב געוויסע תנאים ווערן ערפילט. די שריט קענען אריינרעכענען דאס אוועקנעמען פעדעראלע און סטעיט טעקס ריטוירנס, לאטערי געווינסן, באנק אקאונטס און סעטלמענטס געלטער פארן פּראָוואָנדעט ווערן; די חוב קען באריכטעט ווערן פאר קרעדיט אגענטור; די דרייווער'ס לייסענס קען סוספּענדירט ווערן; און זיי קענען צוריקגעוויזן ווערן פון באקומען א פּאראייניגטע שטאטן פּאספּארט.

### קאסטן פון לעבן צופּאסונג (Cost of Living Adjustment, COLA)

טשיילד סופּאָרט פּאראַרדנונגען וועלכע זענען צום ווייניגסטנס צוויי יאר אלט זענען בארעכטיגט פאר א COLA איבערבליק. די איבערבליק קען העכערן די סומע פון טשיילד סופּאָרט וואס די עלטערן וואס האט נישט די קינדער ביי זיך מוז באצאלן אן גיין אין געריכט.

## בלייבן זיכער בשעת'ן זיך ווענדן פאר טשיילד סופּארט

דער טשיילד סופּארט פראגראם און די פאמיליע געריכט האבן וועגן אייך צו העלפן באקומען טשיילד סופּארט סערוויסעס זיכערערהייט.

- זיי קענען פארלאנגען אז עדות זאל אפגענומען ווערן דורך ווידעאו אדער דורך די טעלעפאן אנשטאט אראפקומען פערזענליך צו א געריכט געהער.
- זיי קענען פארלאנגען אז די געריכט זאל נישט ארויסגעבן אייער לאקאציע, וואוינארט אדער ארבעטסגעבער. די געריכט קען אפפערן נאך באווארענונג מאסנאמען פאר אייער פיזישע זיכערהייט בעפאר, דורכאויס און נאך א געהער, אריינרעכענענדיג אז געריכט אפיצירן זאלן זיין אנוועזן.
- אייער לאקאציע/וואוינארט אדער ארבעט אינפארמאציע קענען אראפגענומען ווערן פון פעטיציעס, מעלדונגען אדער סיי וועלכע פארלאנגטע פינאנציעלע דאקומענטן וואס דארפן איבערגעגעבן ווערן. כאטש אייער אדרעס קען באהאלטן ווערן אויף אלע בויגנס, דאך איך דאס נישט מעגליך צו באהאלטן די נאמען פון די קאונטי פון די טשיילד סופּארט אגענטור אדער פון די געריכט וואס האט ארויסגעגעבן די באפעל.
- זיי קענען פארלאנגען אז אייער לאבארעטאריע אפוינטמענט פאר די גענעטישע טעסט צו אויפווייזן אז איר זענט די עלטערן זאל באשטימט ווערן צו זיין באזונדער פון די אנדערע עלטערן.
- זיי קענען אייך גיבן הדרכה אויף וויאזוי צו באקומען א באשיצונג באפעל (ארדער אָוו פראטעקשען).

## פובליק בענעפיטן און טשיילד סופּארט

אויב איר אפלייט פאר- אדער באקומט פובליק הילף (Public Assistance), קענט איר מעגליך זיין געפאדערט צו קאאפערירן מיט דעם טשיילד סופּארט פראגראם; אבער די פאדערונג קען געטוישט אדער אינגאנצן אוועקגענומען ווערן אויב איר האט זיכערהייט זארגן פאר אייך אליין און/אדער די קינדער. אייער טשיילד סופּארט אדער פובליק הילף וואָרקער קען אייך ערקלערן וועלכע שריט קענען גענומען ווערן הייך צו העלפן צוקומען צו די פראגראמען זיכערערהייט.

**איר קענט ענדערן די אינפארמאציע איבער זיכערהייט אין יעדע צייט.** אפילו אויב איר האט שוין געזאגט פאר אייער טשיילד סופּארט אדער פובליק הילף וואָרקער אז איר האט נישט קיין שום זיכערהייט זארגן, קענען זיך זאכן טוישן, און מיר ווילן אייך העלפן בלייבן זיכער.

אויב איר דארפט רעדן צו איינעם אויף א באלדיגן פארנעם איבער זיכערהייט, פארבינדט זיך מיט:

**ניו יארק סטעיט היים און סעקסועלע געוואלדטאטן האטליין**

טעקסט:
**844-997-2121**

רופט:
**800-942-6906**

שרייבט:
**OPDV.NY.GOV**

גוט טרעינירטע שתדלנים זענען דא צו באקומען 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, 365 טעג א יאר צו רעדן אין געהיים מיט איינעם וואס גייט אריבער אביוז אינדערהיים אדער סעקסועלע געוואלדטאטן, איינער וואס ווענדט זיך פאר הילפס-מיטלען אדער אינפארמאציע אדער וואס פרעגט אן איבער נישט געזונטע הינזיכטן פון זייער קשר.

צו לערנען מער איבער וואס הייסט פאמיליע-, היים- אדער סעקסועלע געוואלדטאטן און וועלכע הילפס-מיטלען זענען דא צו באקומען, באזוכט https://opdv.ny.gov/about-domestic-violence און www.nycourts.gov/CourtHelp/Safety/DVindex.shtml.

צו טרעפן א לאקאלע סערוויסעס פראָווייִדער פאר אביוז אינדערהיים אין אייער געגנט, באזוכט: https://opdv.ny.gov/domestic-violence-service-providers.

פאר מער אינפארמאציע, סקענט דא:

NEW YORK STATE | Child Support

א פראגראם פון די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף

childsupport.ny.gov